שנה א׳ גליון כ״ד
פרשת ויקרא
תשפ״ד

גליון

# יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

## לוח ההילולא

**י״ג אדר ב׳**

הרה״ק רבי איצעלע מסטראזיניץ זצ״ל

הרה״ק רבי נחמן מטשערין זצ״ל

**י״ד אדר ב׳**

הגאון רבי יצחק שוסטער זצ״ל אב״ד סאקאלקע

**ט״ו אדר ב׳**

הרה״ק רבי יחזקאל׳ע מדוקלא זצ״ל הי״ד

**י״ז אדר ב׳**

הגאון רבי שמעון סופר מקארקא זצ״ל

**י״ח אדר ב׳**

הרה״ק רבי העניך מאלכסנדר זצ״ל

**י״ט אדר ב׳**

הגאון רבי יעקב צבי ווייס זצ״ל אב״ד סאבאסלא

## י״ג אדר ב׳

### הרה״ק רבי יצחק יעקב דוד האגער זצ״ל אדמו״ר מסטראזיניץ

געבוירן אין יאר תרכ״ח אין שטאט וויזשניץ, אלס דער פיפטער זוהן צו זיין פאטער הרה״ק רבי ברוך׳ל מוויזשניץ זצ״ל בעל אמרי ברוך, און צו זיין מוטער מרת צפורה ע״ה בת הרה״ק רבי ארי׳ לייב שפירא זצ״ל פון זיטאמיר. שוין אלס קינד איז רבי איצעלע געווען אויסגערופן מיט זיין קלוגשאפט. זיין טאטע, דער מקור ברוך האט אים זייער ליב געהאט און האט אים גערופן "מיין חכם". ער האט נאך זוכה געווען זיך צו האדעווען על ברכי זקינו הרה״ק בעל צמח צדיק זצ״ל מוויזשניץ, און פון אים קונה געווען תורה, עבודה און חסידות.

ביום י״א שבט שנת תרמ״ה האט רבי איצעלע חתונה געהאט מיט מרת מרים ע״ה טאכטער פון הרה״ק רבי ישכר בעריש מדאלינא זצ״ל בן הרה״ק רבי אייזיקל זידיטשובער זצ״ל און איידעם פון הרה״ק רבי אברהמ׳טשע סטערטינער זצ״ל. נאך די חתונה איז ער געבליבן וואוינען סמוך לשלחן חותנו אין דאלינא, אבער נאך א יאר איז זיין שווער נסתלק געווארן, ביום כ״ט שבט שנת תרמ״ו. רבי איצעלע האט זיך דאן אריבער געצויגן קיין וויזשניץ נעבן זיין טאטע׳ן דער מקור ברוך, ווי ער האט זיך מסתופף געווען פאר עטליכע יאר, דערנאך האט ער זיך באזעצט אין שטאט זאלישטשיק גאליצע.

רבי איצעלע -טראץ וואס ער איז געווען באוואוסט אלס גרויסער תלמיד חכם, זייענדיג בקי בנגלה ובנסתר,- איז ער אבער פון יונגערהייט געווען אויסגערופן אלס אויסטערלישער הצנע לכת, באהאלטנדיג זיינע גרויסע מדריגות. נאך די פטירה פונעם מקור ברוך האט רבי איצעלע ערשט נישט געוואלט זיך פירן באדמורו״ת, אבער דערנאך וואס ער האט זיך זייער געמוטשעט און געלעבט מיט גרויס דחקות, האט ער נאך אסאך הפצרות זיך אריבער געצויגן קיין טשודין, אין שפעטער, שנת תרס״ד, האט ער זיך אריבער געצויגן קיין סטראזיניץ, וואו ער האט געפירט די וויזניצער חסידים אין שטאט, און אויפן נאמען פון די שטאט איז ער געבליבן באקאנט.

דער סטראשינצער רבי אויסער זיין געוואלדיגע גרויסקייט בתורה, איז ער געווען אן אויסגערופענער בעל תפילה, ווי די וויזשניצער רבי׳ס פלעגט ער צוגיין צום עמוד שבתים און ימים טובים, און געדאווענט מיט גרויס דערוואַרימקייט און מתיקות. ביי די ערשטע וועלט קריג איז ער אנטלאפן קיין וויען, ווי ער האט געוואוינט ביז זיין הסתלקות ביום י״ג אדר שני תענית אסתר שנת תרצ״ב. ומנו״כ אין וויען. [זיין עלטסער זון איז געווען הרה״צ רבי ישכר דוב בעריש זצ״ל האדמו״ר מסטאריזניץ לאנדאן חתן הרה״צ רבי גרשון האגער זצ״ל אב״ד פטשעניזין, ער איז אויך אנטלאפן ביים ערשטן וועלט קריג קיין וויען, און האט דארט מייסד געווען א תלמוד תורה. בשנת תרצ״ט ווען עסטרייך איז געווארן א טייל פון נאצי-דייטשלאנד ביים באקאנטן ׳אנשלוס׳, איז געלונגען פאר רבי ישכר בעריש צו אנטלויפן קיין לאנדאן, ווי ער האט געפענט די ערשטע חסידישע בית המדרש אין די גאלדערס גרין געגענט, ׳ביהמ״ד בית ישכר דוב סטארזיניץ-וויזשניץ׳, ער איז נסתלק געווארן ביום כ׳ סיון שנת תשכ״ח ומנו״כ באוהל בביה״ח דקעד״י בענפילד. נאך זיין הסתלקות האט זיין זון הרה״צ רבי הערשל זצ״ל איבערגענומען דאס בית המדרש און געשטאנען בראש העדה אבער ער איז ליידער אוועק פון די וועלט פיר יאר נאכן טאטע׳נס פטירה ביום ט״ז אדר שנת תשל״ב, ומנו״כ באוהל אביו. דאס בית המדרש ווערט ווייטער געפירט דורך בנו ומ״מ ממשיך השלשלת לבית סטראזיניץ-וויזשניץ-קאסוב, הרה״צ

רבי גרשון האגער שליט"א מסטארזיניץ לאנדאן].(ראה שנות דור ודור)

## הרה"ק רבי נחמן גאלדשטיין זצ"ל אבדק"ק טשערין

געבוירן בשנת תקפ"ה אין די שטאט ברסלב, צו זיין פאטער הגאון רבי צבי ארי' זצ"ל אב"ד ברסלב, בן הרה"ק רבי אהרן זצ"ל - וואס איז נאך נתמנה געווארן דורך הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל, אלס רב אין שטאט ברסלב- און צו זיין מוטער מרת חיה לאה ע"ה בת הרה"ק רבי חיים שרה'ס מברסלב זצ"ל, מגדולי תלמידי הרה"ק רבי נחמן זצ"ל. דער ברסלב'ער רב רבי צבי ארי' האט פאר לאנגע יארן געווארט אויף קינדער ל"ע, און עס איז געבוירן געווארן א קינד נאך א ברכה פון הרה"ק רבי נתן מברסלב זצ"ל, און מען האט אים א נאמען געגעבן 'נחמן' ע"ש פון רבו הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל.

רבי נחמן האט חתונה געהאט מיט מרת טשארנא ע"ה טאכטער פון הרב רבי יצחק מטשעהרוויץ זצ"ל ובזיוו"ש מיט מרת פיגא ע"ה טאכטער פון הרב רבי יואל ז"ל מלאדיזשונסקא, יונגערהייט איז ער שוין געזעצן און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה יומם ולילה, קודם האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון זיין זיידן הרה"ק רבי אהרן זצ"ל אב"ד ברסלב, און אנדערע זקיני תלמידי הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל. איינמאל האט ער באגלייט זיין זיידע אין שבת חנוכה, ווען ער איז געגאנגען צו הרה"ק רבי נתן מברסלב זצ"ל. רבי נתן האט דאן געהאלטן אינמיטן זאגן תורה און ווען דער רב פון שטאט איז אנגעקומען האט מען אים תיכף ארויפגעזעצט אויבן אן, רבי נחמן וואס איז נאך דאן געווען א יונגערמאן האט זיך געשטעלט אין א זייט. ווען רבי נתן האט אים באמערקט האט ער זיך אנגערופן "נחמן וואס שטייסטו אין א זייט, קום אהער, עס קען זיין דאס וואס דער רבי ז"ל [מוהר"נ מברסלב] האט זיך באנוצט מיט זכות אבות צו ברענגען דיין זיידן ער זאל זיין א רב אין ברסלב האט ער דיר געמיינט, און דו שטייסט גאר פון דער זייט?!" פון דאן איז ער געווארן דבוק ומקושר צו הרה"ק רבי נתן זצ"ל.

בערך שנת תר"י איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט טשערין, בברכת הקודש פון הרה"ק רבי נפתלי מנעמירוב זצ"ל [מגדולי תלמידי הרה"ק מוהר"נ מברסלב זצ"ל], און הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זצ"ל וואס די שטאט טשערין איז געווען אונטער זיין מגידות. דער טשערינער רב איז געשטאנען בראש פון די שטאט און מיט עינא פקיחא זיך אומגעקוקט בדרכי בני העיר, מיט די צייט זייענדיג שטארק פארנומען מיט די עבודת האב"ד, האט מען אויפגענומען א דיין וואס זאל ארויס העלפן דעם טשערינער רב, הר"ר יחזקאל ז"ל וואס איז געשטאנען לצידו פונעם רב ומרא דאתרא בהנהגת העיר, און אזוי האט דער טשערינער רב געקענט עוסק זיין בתורה ובעבודת ה'.

דער טשערינער רב איז געווען מפורסם אלס גאון אדיר, גאון הגאונים, שר התורה, זיין נאמען האט געלוגען און דער גאנצער געגנט מיט זיין כח התורה והוראה הרה"ק רבי שמוענ'לע דזאליחובער זצ"ל האט זיך אויסגעדריקט 'דער טשערינער רב איז געווען א ספר תורה', אויסער זיין געוואלדיגע גאונות און קדושה, האט ער א גאנץ לעבן עוסק געווען אין תורות פון הרה"ק מוהר"נ מברסלב זצ"ל און פון רבו הרה"ק רבי נתן זצ"ל, ער האט אסאך מחדש געווען חידושי תורה אויף אלע מקצועות התורה עפ"י ספרי ברסלב, און האט עוסק געווען צו דריקן און פארשפרייטן די ברסלב'ע ספרים. בשנת תרכ"ט האט ער באזוכט און ארץ ישראל. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ג אדר שני שנת תרנ"ד. ומנו"כ אין טשערין. מח"ס ספר בירורים ותשובות - נגד קליפות ההשכלה, ספר דרך חסידים ולשון חסידים - תורת מרן בעל שם טוב, ספר השתטחות -בירור ההשתטחות על קברי צדיקים ,ספר זמרת הארץ, ספר יקרא דשבתא, ספר ירח האיתנים, ליקוטי עצות מהדורא בתרא, ספר ליקוטי עצות המשולש, ליקוטי תפלות ותחנונים, ספר מכניע זדים. ספר נחת השלחן, מראה מקומות על הספה"ק ספר המדות, קיצור ליקוטי הלכות, רמזי המעשיות על ספורי מעשיות. ספר פרפראות לחכמה וואס איז א פירוש עמוק ונורא אויף ספה"ק ליקוטי מוהר"ן. (תודה למכון הנוי והנצח - קרית יואל שמסר לנו תולדותיו מספר שמך לנצח העומד לצאת לאור עולם בקרוב)

## י"ד אדר ב'

## הגאון רבי יצחק שוסטער זצ"ל הי"ד אבדק"ק סאקאלקע

געבוירן שנת תר"נ ער האט געלערנט ביי הגאון רבי משה דאנישעווסקי זצ"ל אבדק"ק סלאבאדקע, דערנאך האט ער געלערנט אין די קאוונע כולל און איז געווען פון די מצויני התלמידים, ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון ר' נחום גרינהויז זצ"ל אב"ד טראקי חתן הגאון רבי שלמה הכהן מווילנא זצ"ל בעל חשק שלמה (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון ט').נאך די חתונה האט ער עוסק געווען בתורה אין די שטאט ווילנא, ווי ער האט מקבל געווען פון הגאון רבי חיים עוזר מווילנא זצ"ל, בשנת תרס"ה איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט סאקאלקע, ווערנדיג מפורסם אלס גאון עולם, אנפירנדיג דעם ציבור מיט א שטארקקייט. איבער די גאנצע מדינה האט

דערגרייכט זיין השפעה, און ער האט אסאך אויפגעטאן לחיזוק הדת. בשנת תרע"ט ביי די באקאנטע אסיפות הרבנים אין שטאט גארדנא איז ער געווען דער ראש המדברים בשנת תר"פ איז ער געפארן אויף אמעריקא. מחזק צו זיין די ארטיגע אידן שפעטער האט ער זיך צוריק געקערט קיין סאקאלקע ווי ער האט אנגעפירט מיטן רבנות, און האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. ווען די נאציס ימ"ש זענען אריינגעקומען קיין סאקאלקע האבן זיי אים געבעטן. אז ער זאל איבער געבן די רשימה פון די אידן פון שטאט ווען ער האט מסרב געווען האבן זיי אים ל"ע אימגעברענגט על קידוש שמו יתברך ביום י"ד אדר יום הפורים שנת תש"ב. (ראה בספר ארצות החיים)

## ט"ו אדר ב'

### הרה"ק רבי יחזקאל שרגא הלברשטאם זצ"ל הי"ד אב"ד דוקלא

געבוירן בערך אין יאר תרס"א צו זיין פאטער הרה"ק רבי מענד'לע פריסטיקער זצ"ל בן הרה"ק רבי ארי' לייבוש זצ"ל אב"ד דוקלא [בן הרה"ק דוד'ל קשאנוב'ער זצ"ל וחתן דודו הגאון רבי אביגדור זצ"ל אב"ד דוקלא אחי מרן הד"ח זצ"ל], און צו זיין מוטער פיגא בלומא ע"ה בת הרה"ק משינאווא זצ"ל (ראה אדותיו ביומא בהילולא גליון י'). ביי זיין ברית האט מען אים א נאמען געגעבן 'יחזקאל שרגא' ע"ש פונעם זיידן הרה"ק משינאווא זצ"ל און ער איז געווען דער ערשטער אייניקל וואס איז גערופן געווארן נאכן זיידן. אין שנת תר"פ האט ער חתונה געהאט מיט מרת רחל מרים ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי יצחק ראבין זצ"ל אב"ד בצפת בן הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זצ"ל אב"ד יאסלא, וחתן הרה"ק רבי נפתלי ראבין זצ"ל אבד"ק ווישניצא חתן הרה"ק משינאווא זצ"ל.

בשנת תרפ"ג איז ער געפארן זיך באזעצן אין שטאט דוקלא, וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אינעם בית המדרש פון די צאנז- שינאווא חסידים, נאך א שטיק צייט איז ער געקרוינט געווארן אלס דיין אין שטאט, דערנאך אלס ראב"ד, ובשנת תרצ"ג אלס רב אין דוקלא.

דער דוקלא רב איז געווען אן אויסגערופענער צדיק און געוואלדיגע מתמיד בתורה, וואס האט משים געווען לילות כימים אין לערנען, און גע'שמ'ט אלס תלמיד חכם מופלג. דערצו איז ער געווען א גרויסע אנגענומענער מוהל מומחה.

ליידער האט דער דוקלער רב נישט צו לאנג מאריך ימים געווען, ווייל בשנות הזעם, ביום שושן פורים ט"ו אדר שנת תש"ב, איז ער אומגעקומען אין בליענדן עלטער פון בלויז איין און פערציג יאר.

## י"ז אדר ב'

### הגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל אבדק"ק קראקא

געבוירן ביום י"ג טבת שנת תקפ"ג אין שטאט פרעשבורג, צו זיין פאטער מרן הגה"ק רבי משה זצ"ל אבדק"ק פרעשבורג דער חתם סופר, און צו זיין מוטער מרת שרל ע"ה בת הגאון רבי עקיבא אייגער זצ"ל. יונגערהייט האט ער געלערנט תורה פון זיין טאטע'ן וועלכער האט אים אנגערופן 'שמעון הצדיק'. ער איז געווען א גאון ובקי בנגלה ובנסתר, סודות התורה וחכמת הקבלה האט ער מקבל געווען פון הגאון רבי נטע וואלף זצ"ל ראב"ד פרעשבורג.

בשנת תקצ"ח האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הנגיד רבי דוב בער שטערנבערג זצ"ל פון שטאט קראלי נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין די שטאט פרעשבורג און ווייטער ממשיך געווען צו שעפן מבאר תורתו וקדשותו פון טאטע'ן דער חתם סופר. נאכן הסתלקות פון זיין טאטע'ן בשנת ת"ר האט ער זיך געצויגן סמוך לשלחן חותנו קיין קראלי, וואו ער האט געוואוינט פאר עטליכע יאר, בשנת תר"ד איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין די שטאט מאטערסדארף, וואו ער האט משמש געווען ברבנות פאר די קומענדיגע אכצן יאר, און האט דארט געפירט א ישיבה, און מרביץ תורה געווען פאר תלמידים, און צווישען זיינע תלמידים האבן זיך געציילט אסאך פון די שפעטערדיגע גדולי ישראל.

בשנת תרכ"א איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין די ריזן עיר ואם בישראל קראקא, וואס אלס דעם איז ער מפורסם אלס 'קראקאווער רב'.

דער קראקאווער רב איז געווען שטארק בארימט ביי בני קהלתו, און איז געווען פון די גרעסטע מנהיגי ישראל אין גאליציע, אינאיינעם מיטן מיטעלע בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זצ"ל, האט ער געפירט א מערכה אקעגן די משכילים ופורצי גדר, זיי האבן מייסד געווען דעם ארגעניזאציע 'מחזיקי הדת' וואס האט צוזאמגעהאלטן דעם גאליציענעם אידנטום. ווי אויך האט ער געגרינדעט א צייטונג 'קול מחזיקי הדת' מחזק צו זיין די ארטידאקסישע אידישקייט. ער איז געווען דער שר צבא ה' אין מדינת פוילן וגאליציע פאר די יראי ה' די לוחמים מיטן כת המתחדשים, בשנת תרל"ח איז פארגעקומען אן אסיפה אין

שטאט לבוב ווי ער איז אויפגענומען געווארן אלס ראש ונשיא הרבנים און ראש המדברים אין די גאנצע מדינה.

בשנת תרל"ט איז דער קארקאוו'ער רב אריינגעוועלט געווארן אינעם עסטרייכישן פארלאמענט אין הויפט שטאט וויען [גאליציע איז אין יענע יארן געווען אונטער די עסטרייך - אונגערישער אימפעריא], וואו ער האט געקעמפט פארן וואוילזיין פון די תורה טרייע אידן, זיך צו קענען פירען פרייערהייט אן קיין שום שטערונגען בדרך התורה והמסורה. ער האט פארמאגט א נאנטער קשר און פארבינדיג מיטן עסטרייכישען קייזער 'פראנץ יאזעף' וועלכער האט אים ארויסגעוויסן יקר וגדולה, און האט אים געשאנקען א קענגליכער מאדאל.

דער קראקאווער רב איז נסתלק געווארן ביום י"ז אדר ב' שנת תרמ"ג ומנו"כ אין ביה"ח אין קראקא. מח"ס שו"ת מכתב סופר.

## י"ח אדר ב'

### הרה"ק רבי חנוך העניך הכהן לעווין מאלכסנדר זצ"ל

געבוירן שנת תקנ"ח אין שטאט ליטומארסק צו זיין פאטער רבי פנחס זצ"ל וואס איז געווען א בא"ב פון הגאון רבי מאיר זצ"ל אבי הש"ך. יונגערהייט איז ער שוין געווען מפורסם אלס עילוי און געוואלדיגער חריף, נגלות התורה האט ער מקבל געווען פון הגאון רבי יצחק איציק זצ"ל אב"ד לונטשיץ. רבי העניך האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הנגיד רבי צבי הירש מפרשיסחא ז"ל נאך די חתונה האט ער זיך באזעצט אין שטאט פרשיסחא. בזיו"ש איז ער געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי יהושע אשר מפאריסוב זצ"ל. וואו ער האט זיך מדבק געווען בדרכי החסידות, ער האט זיך נאך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק דער יוד הק' מפרשיסחא זצ"ל און שפעטער ביים זיין מ"מ הרה"ק דער רבי ר' בונם מפרשיסחא זצ"ל, נאכן הסתלקות פונעם רבי ר' בונם איז ער געפארן זיך מסתופף בצ"ק פון הרה"ק מקאצק זצ"ל, נאכן הסתלקות פונעם קאצקער איז ער געווארן מקושר צו דעם ערשטען גור'ער רבי הרה"ק בעל חדושי הרי"ם זצ"ל. ער האט משמש געווען ברבנות אין די שטעט נאווידאוואהר, אלעכסנדער און צום לעצט אין פראשניץ.

נאכן הסתלקות פונעם חדושי הרי"ם האבן די גדולי החסידים אים מכתר געווען אלס רבי, רבי העניך האט זיך דאן צוריק געצויגען קיין אלכסנדר ווי ער האט איינגעפלאנצט זיין הויף און אנגעהויבן פראווען רבי'סטיווע און זיך פירן בדרכי האדמורו"ת, ווערנדיג מפורסם אלס קדוש וטהור, גאון עצום, און האט אנגעפירט די עדה הק' מיט א געוואלדיגע שארפקייט אויפן קאצק'ן - גור'ן שטייגער, טויזנטע חסידים האבן זיך מסתופף געווען בצילו הק'. אויך די גרויסע תלמידים פונעם חידושי הרי"ם ווי דער שפעטערדיגע גור'ער רבי הרה"ק דער שפת אמת זצ"ל און דער סאכאטשובער רבי הרה"ק דער אבני נזר זצ"ל האבן מקבל געווען פון אים די כתר ההנהגה, רבי העניך האט נישט צולאנג געפירט ווייל ער איז נסתלק געווארן פיר יאר נאכן חידושי הרי"ם ביום י"ח אדר שנת תר"ל. ומנו"כ אין אלכסנדר. זיינע ד"ת זענען געדריקט אין ספר חשבה לטובה.

## י"ט אדר

### הגאון רבי יעקב צבי ווייס זצ"ל אב"ד סאבאסלא

געבוירן שנת תר"ג-ד אין שטאט טשאני צו זיין פאטער הגאון רבי אברהם ווייסמאן זצ"ל אב"ד סאבאסלא ער איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי אברהם יהודה הכהן שווארטץ זצ"ל אב"ד מאדע ובעל קול ארי'. ער האט חתונה געהאט מיט מרת מלכה ע"ה טאכטער פונעם דארג'ער רב הרה"ק רבי שמואל פרענקל מב"ח זצ"ל (ראה תולדותיו ביומא בהילולא גליון ד'). נאך די חתונה האט ער געוואוינט סמוך לשלחן חותנו וואס האט דאן געוואוינט אין אויפאלו. שפעטער האט ער זיך געצויגען צו די שטאט זענטא. נאכן הסתלקות פון אביו בשנת תרל"ט איז ער אויף גענומען אלס מ"מ אב"ד סאבאסלא, ביז צו זיין הסתלקות ביום י"ט אדר שנת תרמ"ט ומנו"כ אין סאבאסלא. (ראה עלי זכרון 32)

זכות פרנס הגליון
נתנדב ע"י הרה"ג **הרוצה בעילום שמו** שליט"א

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com